# זֶה הַשַּׁעַר לה', צַדִּיקִים יָבֹאוּ בוֹ

המלצה כללית – דאס מצב אינעם הר הבית איז זייער ווייט פון פאסיג: דאס חורבן הבית וואס מען זעהט איבעראל פאר די בלויזע אויגן, די פילע טמא'נע גוים וואס דרייען זיך ארום פראנק און פריי אויף די הייליגסטע פלאץ וואס אפילו דער כהן גדול האט נישט געמעגט אריינגיין אהין נאר איינמאל איאר יום כפור מיט די גרעסטע מאס טהרה און מיט א שטארקע עבודה, די אראבישע וואקף וואס מענעדזשט דאס ארט, און נאכדערצו איז דא א פלאץ וואו יודן זענען בשפל המצב מער ווי סיי וואו אינעם גאנצן לאנד, איעדעס טריט און שריט איז באגרעניצט מיט א טונקעלע דיסקרימינאציע וכו' - פון די אנדערע זייט: איז דא די קדושת המקדש די הייליגקייט פון מחנה שכינה און מחנה לויה דאס זעלבע וואס עס איז געווען ווען אונזער בית המקדש איז געשטאנען על מכונו ותפארתו, ווי חז"ל זאגן מעולם לא זזה שכינה ממקומה: די שכינה האט זיך פון דא קיינמאל נישט אוועקגערירט, למעשה געוועלטיגן אונז די יודן אויפן הייליגסטן פלאץ, און מיר זענען אויפן וועג צו גאולה • דערפאר איז כדאי אז מען זאל אריינטראכטן אין די גוטע חלק וואס מיר האבן, אריינצונעמען די אור און קדושה וואס מיר זעהן היינט צוטאגס, כאטש מיר האבן נאך א שטיק וועג ביזן בנין המקדש השלישי • אין איעדענספאל, איז וויכטיג צו געדענקן אז מען געפונט זיך אין א פלאץ וואס ווערט אנגערופן 'דאס שווארץ אפל פונעם קעניג' און זיך פארמיידן פון טוען ווילדע זאכן און נישט זיך צוהערן צו די אנווייזונגען פון מדריכים אדער שוטרים אויפן פלאץ, עס ברענגט נישט קיין נוצן נאר גאר פארקערט.

אויב די ווילסט טוישן די מצב אויפן הר הבית? געדענק עס וועדנט זיך נאר אין דיר גיי ארויף נאכאמאל און נאכאמאל און ברענג מיט די חברים מיט די בני משפחה!

============================

# מדריך עלייה להר הבית

## א איבערזוכט פון הלכה'דיגע און טעכנישע אנווייזונגען ארויפצוגיין צום הר הבית

הערה: די דאזיגע מדריך איז געשריבן געווארן ארויסצוהעלפן מיט פראקטישע שריט כדי צו העלפן די וואס ווילן ארויפגיין צום הר הבית, די הלכות און די אנווייזונגען זענען דא געשריבן זייער בקיצור, נאר כדי צו דערמאנען אז מען זאל וויסן מער וויניגער וואס מען דארף טוען.

# זמני פתיחה של עלייה להר הבית

## צייטן וואס די הר הבית איז אפען פאר יודן

צייטן וואס די הר הבית איז אפען פאר יודן איז - פון זונטאג ביז דאנערשטאג

(פרייטאג און שבת קודש איז דער הר הבית לצערנו דערווייל פארבאטן פאר יודן)

(ווי אויך איז דער הר הבית פארבאטן פאר יודן אין די טעג פון מוסלמענישע חגאות, די מוסלמענישע חגאות רוקט זיך כסדר אויפן לוח, די זעלבע חגא וואס פאלט אויס אמאל און די ווינטער קען זיך רוקן און אויספאלן שפעטער אינעם יאר, דערפאר איז די בעסטע אפציע זיך נאכצופרעגן פאר מען קומט)

**אינדערפרי:**
**7:00 - 11:00 (זוממער זייגער)**
**7:00 - 10:30 (ווינטער זייגער)**

**נאכמיטאג:**
**13:30 - 14:30 (זוממער זייגער)**
**12:30 - 13:40 (ווינטער זייגער*)**
(*13:40 - 14:00 – נאר אפען פאר א קורצע בליק און גייט תיכף ארויס דורך שער השלשלת)

# וויאזוי אנצוקומען צום הר הבית

**תחבורה ציבורית/פובליק טראנספארטאציע**

1. אוטובוס אגד - קו/ליניע 1 און 3 דערגרייכן נאנט צום ארייגאנג פונעם הר הבית, קו/ליניע 38 דערגרייכט ביזן שער האשפות.
2. מען קען פארן מיטן הרכבת הקלה אדער מיט פארשידענע קווים/ליניעס פון אוטובוסים ביז כיכר ספרא און פון דארט גיין צופיס דורך שער יפו, א וויטקייט פון בערך 15 מינוט גיין.

**פריוואטע אויטא – געווענליכע וואכן טעג (זונטאג-דאנערשטאג)**

מען קען אריינפארן צו עיר העתיקה דורך שער יפו ביז 9:00 אזייגער אינדערפרי און ארויספארן דורך שער האשפות צום כיוון פון מעלה השלום.

ימי חג ומועד – אין די טעג וואס די עיר העתיקה איז פארשפארט פאר פריוואטע אויטאס, איז רעקאמאנדירט זיך באנוצן מיט די תחבורה ציבורית/פובליק טראנספארטאציע ווי דערמאנט אויבן, אדער צו אוועקשטעלן דעם אויטא אין איינע פון די חניונים נעבן ממילא (קרתא).

**נאנסטע פארקינג**

3. מען קען אוועקשטעלן א פריוואטע אויטא אין מעלה השלום – די גאס וואס גייט ארויף פון שער האשפות צו הר ציון
4. אדער אין איינס פון די צוויי מגרשי החניה/פארקינג פלעצער וואס געפינט זיך נעבן שער ציון (ארויפציער אינעם גאס). מען קען אהין דערגרייכן אדער פון שער האשפות (איין-זייטיגע טראפיק) און אויך פון שער יפו/בריכת הסולטן (צוויי-זייטיגע טראפיק). די חניה/פארקינג צאלט מען דורך תשלום עירוני.
5. נאך פארקינג – מען קען זיך אויך אוועקשטעלן אין איינע פון די חניונים נעבן ממילא (קרתא). און דערנאך גיין צופיס דורך שער יפו.

הגעה
נאך וועגן: עס איז פארהאן נאך פארשידענע וועגן וויאזוי אנצוקומען צום הר הבית, ווי דורך: הר ציון, אבו תור - עיר דוד, שער שכם - רחוב הגיא, רחוב דרך העופל, שער האריות און נאך, אבער מיר האבן זיך בעיקר באצויגן צו די הויפט וועגן.

**<u>פראצעדורען פון ארייננגאנג און ארויסגאנג פונעם הר הבית</u>**

פון אלע 12 טויערן איז נאר איינס אפען פאר יודן – שער הלל (המוגרבים – הרמב"ם)
די שער איז אויף די רעכטע זייט ווען מען קומט פון שער האשפות - אנשטאט ארייננצוגיין צום רחבת הכותל המערבי (אדער אויף די לינקע זייט אויב מען קומט פון רחבת הכותל)

**משטרה טשעק-פוינט:** מען דארף אדורכגיין א ספעציעלע משטרה טשעק-פוינט - די משטרה וועט באקוקן די תעודת זהות, אדורכפירן א זיכערהייט פראצעדור און געבן אלגעמיינע אנווייזונגען וועגן כללים ביים ארויפגיין און ארומגיין אינעם הר הבית

**זיך שטעלן אין תור:** אין די רייע ביים ארייננגאנג צום טשעק-פוינט שטייען געוועגליך אלגעמיינע באזוכער און טוריסטן. – אבער למעשה איז לצערנו פארהאן אנדערע פראצעדורען און באציאונגען צו יודן מיט א פרומע געשטעל לגבי די איבריגע באפעלקערונג (זיכערהייט באגלייטונג און נאך).  דערפאר איז נישט רעקאמאנדירט פאר יודן צו שטייען אין די רייע מיט די איבריגע באזוכער און טוריסטן, נאר מען זאל תיכף צושפאצירן צום משטרה טשעק-פוינט צוזאמען מיט די אנדערע פרומע יודן וואס זענען דארט. רוב מורי הדרך קענען שוין די פראצעדור, אבער אויב מאכט זיך סיי וואספארא שוועריקייטן, זאל מען זיך פארבינדן מיט איינע פון די שוטרים אדער זיכערהייט ארבייטער ביים  טשעק-פוינט אדער מיט איינע פון די וועטעראן-עולים פאר הילף. – עס איז וויכטיג נישט ארייננצוגיין אין איבריגע קריגערייען מיט די מורי הדרך און זיכער נישט מיט די טוריסטן, א שטילע אבער זיכערע אויפפירונג שטעלט זיך ארויס אלץ די פארזיכערסטע וועג.

**ארויסגאנג פונעם הר הבית:** דאס ארויסגאנג פונעם בארג ווערט געטון דורך די שער השלשלת (נאנט צום מג"ב באזע 'המחכמה').

**צוריקקומען צום פונקט פון ארייננגאנג:** אויב מען וויל זיך טרעפן מיט א חבר/משפחה, אדער אפנעמען חפצים פון די לאקערס - דאס ווערט געטון דורך די רחבת הכותל. ארייננגאנג צום רחבת הכותל געפונט זיך אפאר צענדליגער מטרים אפגערוקט פונעם ארויסגאנג פונעם הר הבית. מען קען זיך נאכפרעגן פונקטליך וואו צו גיין דורך די וועטעראן-עולים אדער דורך די צענדליגער שוטרים וואס שטייען דארטן אויפן פלאץ.

## <u>כללים והלכות - צוגרייטונגען און ידיעות פארן ארויפגיין:</u>

### א) <u>טהרה/רייניגן</u>
### ב) <u>מורא מקדש/רעספעקט</u>
### ג) <u>הדרכה כללית/אלגעמיינע פראקטישע אנווייזונגען</u>

## **א) טהרה/רייניגן:**

קליינע יונגלעך אונטער 9 יאר דארפן זיך נישט טובל'ען – אזוי אויך קליינע מיידלעך וואס זענען נאכנישט אנגעקומען צו די עלטער פון נדות.

מענער פון 9 יאר אלט און העכער:
מען דארף זיך טובל'ען פארן ארויפגיין, אין א כשרע מקוה, אדער אין א מעיין-קוואל אדער אינעם ים.
פארן טבילה, דארף מען זיך גוט אפזייפן/אפוואשן, זיכער מאכן אז מען נעמט אוועק איעדע חציצה פונקט אזוויווי ביי טהרת הנשים, ובפרט פון די נעגל און האר, אפילו אויך פון פלעצער אינעם גוף וואו די מקוה וואסער קומט נישט צו דארטן.

## **הלכות און אנווייזונגען פאר מענער:**

(איבערגעזעצט פון הרב יצחק שפירא והרב יוסף פלאי מחברי הספר 'אל הר המור' - בהסכמת הגאון הרב דוב ליאור שליט"א)

א זב און א בעל-קרי טארן נישט ארייגגיין צום הר הבית (מחנה לויה). זיבה איז א זאך וואס טרעפט זיך נישט כמעט היינטיגע צייטן, און בדרך כלל דארף מען צו דעם נישט חושש זיין. א בעל-קרי איז איעדער מענטש וואס איז פון איהם ארויסגעקומען שכבת זרע אדער ענדליכע פליסיגקייטן, סיי דורך תשמיש-המיטה און סיי אויף אן אנדערן וועג. ווער עס האט געהאט אן עפיזאד פון פליסיגקייטן וואס זענען ארויס פונעם גוף אויף א נישט געוועגליכע אופן אדער פון א קראנקייט און אלץ א רעזולטאט איז באזארגט וועגן זיבה - זאל מען פרעגן א שאלת חכם.

דערפאר, למעשה: טאר מען נישט ארייגגיין צום הר הבית אן קיין טבילה ווי די הלכה פאדערט. די דאזיגע הלכה גייט אן אויף איעדען וואס איז ניין יאר אלט און העכער.

די טבילה זיך צו רייניגן כדי צו קענען ארייגגיין צום הר הבית איז א חיוב מן התורה, אנדערש ווי די געוועגליכע מענער טבילות וואס מען איז צוגעוואוינט וואס איז נישט מער ווי א מנהג. דערפאר דארף מען זייער מקפיד זיין אויף אלע נוטיגע צוגרייטונגען וואס וועט ווערן שפעטער דא אויסגערעכנט. ביי איעדע ספק אדער פראבלעם, זאל מען זיך ווענדן צו א מורה הוראה פאר קלארקייט.

**הכנות לטבילה - די צוגרייטונגען צום טבילה:**

- פארן זיך טובל'ען דארף מען גוט ארומוואשן דעם גאנצן גוף מיטווארעמע וואסער, אויסקעמען די האר פונעם קאפ און בארד, און אפטיילן מיט די הענט די איבריגע האר פונעם גוף. די דאזיגע צוגרייטונג ווערט אנגערופן 'חפיפה'.
- די צוגרייטונגען צום טבילה דארף געטון ווערן מיט געלאסענקייט רואיגקייט און יישוב הדעת, ממש פארן טבילה. אזוי אויך, פארן טבילה, דארף דער וואס טובל'ט זיך גוט באטראכטן אריבערגיין זיין גאנצער גוף און ארומזוכן זיכער צו מאכן אז עס איז נישט דא אויף איהם קיין שום זאך וואס גייט אריין אין די גדר פון א חציצה (זעה ווייטער).

- ווער עס טובל'ט זיך אום שבת זאל מאכן די חפיפה אום פרייטאג-יום שישי, און שבת פאר די טבילה נאך אמאל באטראכטן אריבערגיין דעם גאנצער גוף זיכער מאכן אז ער איז ריין פון א חציצה . אזוי אויך, דארף מען מקפיד זיין אויף די הלכות פון שבת וואס אנבאלאנגט צו רחיצה-ארומוואשן (אזוי ווי די איסור פון סחיטה-ארויסקוועטשן וואסער פון די האר וכו').

**חציצות:**

- די הלכות פון חציצה ביים טובל'ען איז אז די גאנצע גוף מיט אלע האר זאלן אנרירן און זיין אונטערן וואסער, אן קיין שום צוריקהאלט-חציצה.

- איעדע זאך וואס רוב מענטשן זענען אויף דעם מקפיד און ווילן עס אראפנעמען/אוועקנעמען פון זיך פאר מען גייט זיך באטייליגן אין א חשובע פארברענג, אדער וואס דער טובל'ט זיך אליינס איז אויף דעם מקפיד (עס שטערט איהם), ווערט דאס פאררעכנט ווי א חציצה. אפילו דאס איז גאר קליין און דעקט צו נאר א מינדערוויכטיגע חלק פונעם גוף פון דער וואס טובל'ט זיך אדער זיינע האר איז דאס פאררעכנט ווי א חציצה.

- א פארב וואס האט נישט קיין ממשות-אנטאפונג (מען פילט גארנישט ווען פירט אריבער דעם פינגער שפיץ דערויף) און דער מענטש קען דאס נישט אראפנעמען – איז נישט קיין חציצה.

- מויל-ציין: איבערגעבליבענע עסענווארג צו דאס גלייכן וואס געפונט זיך צווישן די ציין – איז א חציצה. דערפאר דארף דער וואס טובל'ט זיך גוט אויסרייניגן דאס מויל און אויספוצן מיט א ציין בערשטעל פארן טובל'ען. (עס איז רעקאמאנדירט צו נוצן א ציין שפענדל אדער ציין בענדלעך-פלאו"ס צו העלפן מיטן רייניגן). – פערמענאנטע צוגעלייגטע חלקים וואס זענען אריינגעבויעט ביי די ציין, פילינגס, אימפלענט, קרוין וכדו' – זענען נישט קיין חציצה. אנדערע חלקים וואס מען קען ארויסנעמען פון די מויל – זענען יא א חציצה. צוגעלייגטע חלקים וואס זענען נאר צייטווייליג, דענטארס וכדו' - זאל מען פרעגן א מורה הוראה.

- מען דארף אויסרייניגן פון שמוץ די אויגן, נאז און אויערן. - קאנטאקט לענסעס (וואס מען איז נישט געוואוינט ארויסצונעמען איעדע נאכט) - זאל מען פרעגן א מורה הוראה.

- נעגל: מען דארף אויסרייניגן די נעגל פון די הענט-פיס און בפרט אונטער דעם טייל וואס שטעקט זיך ארויס פון די פלייש פונעם פינגער וואס דארט ווערט געווענליך פארכאפט שמוץ. לאנגע נעגל וואס דער מענטש פילט אז ער דארף דאס שוין אפשניידן – דארף מען אפשניידן פארן טובל'ען.

- האר: אויב דער וואס טובל'ט זיך האט לייז אדער ניץ אין זיין האר דארף ער דאס אראפנעמען, און וואס עס איז נישט מעגליך אראפצונעמען, און דער מענטש איז אויך אויף דעם נישט מקפיד – איז נישט קיין חציצה. - שופן (דענדראפ"ס) וואס געפינען זיך אין די האר נאך די חפיפה און אויסקעמען, איז נישט קיין חציצה.

- א פאראהארטעוועטע שטיקל הויט וואס געפינט זיך העכער די פלאץ פון א קלאפ דארף מען אראפנעמען. אבער אויב איז דא צער ביים אראפנעמען, אדער עס דארף נאך דארט בלייבן כדי אז די

קלאפ זאל פארהיילט ווערן – זאל מען פרעגן א מורה הוראה.

- א באנדאזש צו דאס גלייכן – איז א חציצה.
- א שפענדל וואס שטעקט זיך ארויס העכער די הויט – איז א חציצה און מען דארף דאס אראפנעמען.
- הויט וואס הענגט אדער שיילט זיך, א ווארצל וכדו' וואס שטערט איהם – זאל מען אראפנעמען ווי ווייט מעגליך.
- מען דארף אויסטוען זייגערס, בראסלעט, צירונגען וכדו' אפילו אויב דאס וואסער קען דערגרייכן אונטער זיי.
- אויב מען ברויך ארויסגיין אין בית הכסא – זאל מען דאס טוען פארן טובל'ען.

**די מקווה און די טבילה:**

- מען דארף זיך נאכפרעגן אויף די מקווה זיכער צו מאכן אז די מקווה איז כשר פאר טבילה מדאורייתא, ווייבאלד עס זענען פארהאן מענער מקוואות וואס די וואסער דערין איז שאובים-אנגעשעפט מיט א כלי און זיי זענען נאר כשר פאר "טבילת עזרא".
- מען זאל זיך נישט טובל'ען אין א מקווה וואס האלט אינמיטן ווערן אויסגעליידיגט (ווייבאלד די וואסערן זענען נישט דעמאלטס פארזאמעלט אין איין פלאץ נאר עס רינט 'זוחלים' און איז דערפאר נישט כשר פאר די טבילה).
- ביי די מקוואות וואס האבן א פילטער, איז דא וואס זענען מקפיד זיך נישט צו טובל'ען אין די צייט וואס די פילטער ארבעט.
- בשעת מען טובל'עט זיך, זאל מען נישט פארמאכן די מויל און די אויגן צו שטארק, אויך נישט עפענען צו סאך, נאר עס האלטן פארמאכט אויף א שוואכע אופן.
- בשעת מען טובל'עט זיך דארף מען נישט אויפהייבן די פיס פון די ערד פונעם בור המקווה.
- בשעת מען טובל'עט זיך דארף פארזיכערן אז דאס וואסער דערגרייכט צו זיין גאנצער גוף און האר. דערפאר, זאל מען אביסל דערווייטערן די הענט פונעם גוף און אביסל אויסשפרייטן די פיס.
- עס איז רעקאמאנדירט אז די טבילה זאל געטאן ווערן וואס נענטער צום ארויפגיין צום הר הבית ווי ווייט מעגליך.
- פארן טובל'ען מאכט מען די ברכה: "ברוך... אשר קדשנו במצוותיו וציוונו על הטבילה". אבער, די דאזיגע ברכה זאגט מען נאר אויב איז מען זיכער אז מען איז מחויב מיט א טבילה, דאס הייסט אז מען

איזק לאר אז מען האט זיך נישט געטובל'ט זייט מען איז טמא געווארן די לעצטע מאל, און אויך נאר אויב האט מען א כמעט זיכערע פלאן ארויפצוגיין ממש יעצט צום הר הבית.

- ווען מען מאכט די ברכה זאל מען זיך טובל'ען איינמאל, דערנאך בלייבן אונטערן וואסער באדעקט ביזן האלז, צודעקן די קאפ, ווי אויך זאל מען ארומלייגן ביידע הענט אונטערן הארץ (כדי צו מאכן א צווישנשייד צווישן דאס הארץ אינעם ערווה לכבוד די ברכה), און אזוי מאכן די ברכה, און דערנאך זיך טובל'ען א צווייט מאל. - נאך א מעגליכקייט איז זיך צו טובל'ען איינמאל, דערנאך ארויסגיין צום פאר-צימער (וואס דארט בדרך כלל געפינען זיך די מענטשן ווען זיי זענען אנגעטוען), צודעקן דעם קאפ און אויך דעם מקום הערווה, מאכן דארט די ברכה און תיכף זיך צוריקקערן זיך צו טובל'ען א צווייט מאל, און אזוי איז טאקע רעקאמאנדירט צו טוען ווען די מקווה געפינט זיך אין די זעלבע צימער ווי די מקלחות-שאוער"ס געפינען זיך (וויבאלד אז אין אזא פאל זענען דא וואס אסר'ן צו מאכן א ברכה אינעם מקווה).
- א 'טבול יום' (איינער וואס האט זיך געטובל'עט היינט בייטאג און די זון איז נאך נישט אונטער-געגאנגען) איז מותר ארייצוגיין אינעם הר הבית, דערפאר פעלט נישט אויס זיך צו טובל'ען א טאג פריער. עס זענען אבער יא וואס זענען מחמיר אויף דעם אין טובל'ען זיך יא א טאג פריער (זיי טובל'ען זיך אויך נאכאמאל דעם קומענדן טאג, ווייל אפשר זענען זיי טמא געווארן אויפדערנאכט ביים שלאפן, די ברכה אבער מאכן זיי נאר אויפן ערשטן טבילה אינעם פריערדיגן טאג).
- נאך די טבילה זאל מען זיך עקסטער אב-אכט געבן פון טומאה דורך נישט צוקומען צו חימום און חיכוך ביים מקום הערווה.
- אויב איז מען ארויס אין ביה"כ נאך די טבילה אין די קאליר אדער קלארקייט פון די מי רגלים האט אויסגעזעהן גאר אנדערש ווי געווענליך – זאל מען פרעגן א מורה הוראה, מען דארף אבער נישט קוקן דערויף בשעת מען גייט ארויס.
- נאך די טבילה זאל מען לכתחילה זיך נישט וואשן נאכאמאל אין א מקלחת-שאוע"ר.

עס איז רעקאמאנדירט אז איינער וואס רייניגט זיך צום ערשטן מאל פאר די געברויך פון ארויפגיין צום הר הבית, זאל דורכשמועסן אלע דעטאלן מיט א תלמיד חכם וואס האט עקספיריענס אין דעם נושא.

## <u>הלכות און אנווייזונגען פאר פרויען/מיידלעך:</u>

(איבערגעזעצט פון הרבנית עידית ברטוב/נשים למען המקדש)

די דאזיגע אנווייזונגען זענען נאר געשריבן אלץ א סיכום פאר פרויען וואס זענען שוין אריבערגעגאנגען אלגעמיינע הדרכה/אנווייזונגען • די אנווייזונגען זענען אויך נישט פאר כלות פאר די חתונה

**טהרה**

- איעדע מיידל אדער פרוי וואס האט שוין געברענגט סימני בגרות איז מחויב זיך צו רייניגן פארן ארויפגיין צום הר הבית, דאס האט גארנישט צוטון צו מען איז חתונה געהאט אדער נישט.

- ווען די צייט פון זיך אפשיידן פון די ווסת האט זיך פארענדיגט (כאטש פינף טעג פאר אשכנזים און כאטש פיר טעג פאר ספרדים), זאל מען אפשווענקן דאס פלאץ, און מאכן א הפסק טהרה פאר די צייט פון די שקיעה (מען קען פרובירן אפאר מאל ביז עס געלונגט).
- ציילן די שבעה נקיים, לכתחילה זאל מען אונטערזוכן מיט א עד איעדן טאג אינדערפרי און אויך אויפדערנאכט פאר די שקיעה. די בדיקות פון די ערשטע טאג און די זיבעטע טאג איז נייטיק.
- פאר די גאנצע זיבן טעג זאל מען אנטון א ווייסע בגד.
- אינעם זיבעטן טאג נאך די צאת הכוכבים (די נאכט וואס גייט צום אכטן טאג) דארף מען זיך טובל'ען אין א מקווה אדער אין א קוואל.
- עס זענען פארהאן מקוואות וואס מען דארף מיטברענגן א האנטוך-מגבת פון אינדערהיים.
- א טבילה פארן ארויפגיין צום הר הבית זאל מען זיך נישט טובל'ען אום פרייטאג צונאכטס.
- פארן טובל'ען דארף מען אראפנעמען פונעם גוף אלע חציצות וואס האלט צוריק דאס וואסער פון אנרירן דעם גוף.
- מען דארף אראפנעמען די חציצות נאנט צו די טבילה.

## חציצות

- מען זאל זיך ארומוואשן און אפזייפן דעם גאנצן גוף מיטווארעמע וואסער, עס איז רעקאמאנדירט זיך צו וואשן אין א וואנע.
- מען דארף ארומוואשן די האר (מיט שמפו און מרכך נוזלי), און עס אויסקעמען. ווען עס פעלט אויס – אויך מיט א הארטערע קאם.
- מען דארף רייניגן די ציין מיט א בערשטעל און אויך צווישן די ציין מיט פלאו"ס אדער ציין שפענדליך. מען זאל נישט עסן אינעם טאג פון טבילה עסענווארג וואס בלייבט שטעקן צווישן די ציין (בהמה פלייש, מאראנצן וכדו').
- מען דארף אראפנעמען די צירונגען, קאנטאקט לענסעס, באנדאזש, מעיק-או"פ, אדער עפעס אנדערש וואס מען האט אנגעשמירט אויפן גוף, זאכן וואס מען האט אויף די ציין און קען ווערן ארויסגענומען, וכדו'.
- מען דארף רייניגן די נאז, אויגן, אויערן (אויך די אויעררינגל לעכער), נאוועל.
- מען דארף שניידן די נעגל פון די הענט-פיס, און גוט אויסרייניגן צווישן די פלייש און די נעגל. מען דארף אראפנעמען די פאלי"ש פון די נעגל.
- מען זאל נישט זיין פארנומען אין די טאג פון די טבילה מיט טייג, ליים, בלאטע, גלוי, פארבן וכד.'
- מען דארף גיין אין בית הכסא  פארן טובל'ען.
- אלע האר וואס די פרוי פירט זיך ארפצונעמען, דארף זי אראפנעמען פאר די טבילה, ווייל זי איז אויף דעם מקפיד ווערט עס א חציצה.
- מען דארף נישט אראפנעמען טריקענע הויט וואס הענגט נישט, אדער פערמענאנטע פילינגס אין די ציין און פארהארטעוועטע הויט אויף א פרישע מכה. אויב זי איז געוואוינט אפצורייבן די טרוקענע הויט ביי די פלאך פון די פיס, דארף זי דאס אפרייבן פארן טבילה, ווייל זי איז אויף דעם מקפיד ווערט עס א חציצה.
- ווער עס איז מקפיד צו פארבן די האר זאל זי פארבן פארן טבילה. מען זאל נישט פארבן אין די טאג פון די טבילה.
- מען דארף אפוווישן סיי וועלכע קרים אדער זאלב וכד' פונעם גוף.
- מען דארף אפווייכן וואונדן, אראפנעמען פארטריקענטע בלוט אדער פארטריקענטע אייטער.
- זאכן וואס שטעקן זיך ארויס העכער די הויט (שפענדל, סטיטשעס) דארף מען אראפנעמען.
- צוגעבויטע נעגל זענען נישט קיין חציצה.

- מען דארף רייניגן די פיס פלאכען פון שמוץ, שטויב וכד.'

## טבילה

- מען דארף גוט באטראכטן און אריבערגיין די גאנצע גוף (דורך טראכטן, זעהן און טאפן) און ארומזוכן זיכער צו מאכן אז איעדע חציצה איז געווארן אוועקגענומען.
- ביים ארייינגיין אין וואסער זאל מען שוואכליך פארמאכן די מויל און די אויגן.
- אין די צייט פון די טבילה דארף די וואסער אנקומען אין די זעלבע צייט צו אלע ערטער פונעם גוף, דאס נעמט אויך אריין אין זיך די האר פון קאפ.
- מען דארף מאכן די ברכה אויפן טבילה- "ברוך... אשר קידשנו במצוותיו, וציוונו על הטבילה."
- איעדע איינע טובל'עט זיך די צאל טבילות אזויווי די מנהג פון איהר משפחה. (די געוועגליכע סדר איז: איין טבילה, זאגן די ברכה, דערנאך זיך טובל'ען נאכאמאל).
- פון די טאג פון די טבילה און ביז די קומענדע מאל וואס מען זעהט די ווסת איז די פרוי טהור.
- אנרירן א אנדערע פרוי וואס איז טמא, אדער אנרירן קליידער וואס מען האט אנגעהאט אין די צייט פון טומאה, איז נישט מטמא.
- עס זענען דא וואס פירן זיך צו בעטן א תפלה נאך די טבילה: יהי רצון מלפניך ... שייבנה בית המקדש במהרה בימינו... אזוי ווי די תפלה וואס מען בעהט ביי די סוף פון תפילת העמידה.
- א פרוי וואס האט מקיים געווען יחסי אישות דארף זיך גוט ארומוואשן און אויסוויישן, און זיך טובל'ען אויף די זעלבע וועג ווי א נידה נאר אן די הפסק טהרה, בדיקות, שבעה נקיים אן אן זאגן א ברכה.
- גרושות און אלמנות וואס האבן זיך געטובל'עט נאך די לעצטע וסת און מקיים געווען יחסי אישות מיט זייער מאן, דארפן זיך טובל'ען פונקט ווי איעדע אשה נשואה. אויב איז נישט פארגעקומע קיין יחסי אישות זייט די לעצטע טבילה דארפן זיי זיך נישט טובל'ען נאכאמאל.
- אויב זענען זיי געווארן גרושות אדער אלמנות פאר די ענדע פונעם וסת און זיי האבן זיך זייט דעמאלטס נישט געטובל'עט, דארפן זיי ציילן שבעה נקיים און זיך טובל'ען.
- א מיידל וואס האט געזעהן דם נאך איהר געבורט, זאל זי פרעגן א מורה הוראה.

## נאך וועגן ענייני טבילה

- די טבילה אין א מקווה קאסט געלט, די סכום טוישט זיך, געווענלך קאסט דאס בערך ביז 30 ₪.
- אין א חלק פון די מקוואות קען מען קריגן האנטוכער, שמפו וכד', אבער אין אנדערע דארף מען אלעס ברענגן פון אינדערהיים (און עס איז דא אזעלכע מקוואות וואס מען קריגן די אלע זאכן פאר א עקסטערע באצאלונג).
- אין רוב מקוואות איז פארהאן א ארייינגאנגס צימער, און פון דארט ארייננגאנג צו די פריוואטע צימערן. פון די פריוואטע צימערן איז דא נאך א טיר וואס גייט צום בור הטבילה, וואס געפינט זיך אין א עקסטערע צימער.
- ווען מען פארענדיגט מיט אלע צוגרייטונגען זאל מען רופן די בלנית, אדער קלאפן אינעם טיר, און זי וועט שוין לאזן וויסן אויב די חדר הטבילה איז ליידיג.
- בשעת מען טובל'עט זיך זאל מען שוואכליך איינבייגן די קניען, אזוי אז די וואסער קומט אן צו אלע ערטער פונעם גוף. די הענט זאל מען אויסשפרייטן אויף פאראויס אזוויי מען לאנט זיך ווען אן און אזוי זיך אראפלאזן אונטערן וואסער.

- עס זענען פאראן מקוואות וואס ערלויבן נישט די טבילה פון אומפארהייראטע פרויען, למשל אין ירושלים. מער פריינטליכע מקוואות זענען פאראן אין די יישובים פון גוש עציון, און א טייל פון די יישובים יו"ש און די מושבים, און אויך אין א טייל פון די שטעט. אויך די מקווה פקיעין אין ת"א איז פריינטליך פאר דעם.
- מען קען זיך טובל'ען אינעם ים אדער אין א טיפן קוואל-מעיין. מען דארף געווארענט זיין זיך אב-אכט געבן פאר זיכערהייט און געפארן. מען קען זיך טובל'ען מיט א העמעד אדער מיט א ברייטערע קלייד און קיין גומי וואס איז נישט באהאפטן צום גוף.
- לויט די הלכה און די חוק, מעגסטו דיך טובל'ען אן די נוכחות פון א בלנית, דאס פאדערט אבער צו האבן עקספירענס כדי צו זיין פארזיכערט אז די גאנצע האר גייט אריין אונטערן וואסער. מען קען אנכאפן די גאנצע האר און עס ארויסלאזן ווען מען איז שוין אונטערן וואסער. ביים ערשטן מאל איז רעקאמאנדירט מיט צוברענגען א חברה, שוועסטער וכו' כדי צוצוהעלפן מיט די טבילה.
- לויט די הלכה און די חוק ביסטו נישט מחויב צו ענטפערן אויף קיין שום פריוואטע פראגעס, און די בלנית טאר דיר נישט אויספרעגן, פארשטן אדער אונטערזוכן און קיין שום וועג.

אסאך פון די אויבענדערמאנטע הלכות פון טהרה גייען אן נאר בזמן הזה, ווען דאס בית המקדש וועט ווערן אויפגעבויט במהרה בימינו, וועלן זיי זיך טוישן.

פאר א ליסטע פון מקוואות איז רעקאמאנדירט צו קוקן:
באתר מיקווה.נט https://mikve.net/mikvaot/jerusalem
באתר עיריית ירושלים: https://www.jerusalem.muni.il/he/residents/religion/mikvaot
באתר EASY: https://easy.co.il/list/Mikvaot?region=933

## ב) מורא מקדש/רעספעקט:

עס איז א מצוות עשה צו האבן רעספעקט/ערהעפורכט פארן מקדש אפילו ווען עס איז חרוב, דערפאר דארף דאס ארויפגיין צום הר הבית געטוהן ווערן מיטן פולסטן ערענסקייט און מורא מקדש אזוויי דער פסוק זאגט: "ומקדשי תיראו". "לא מן המקדש אתה ירא, אלא ממי שציווה על יראתו" – "נישט פונעם מקדש האסטו מורא, נאר פון דעם וואס האט באפוילן אויף זיין יראה".

1. **ארויפגיין פאר א דבר מצוה:** ארויפגיין צום הר הבית מעג זיין נאר פאר די סיבה פון מקיים זיין א מצוה – אדער צו שטארקן דאס יודישע אחיזה אינעם פלאץ, די מצוה פון לשכנו תדרשו צו לערנען וועגן מקדש צו ערוועקן די געפילן און זיך דערנענטערן צום בנין בית המקדש, אדער פאר די מצוה פון תפלה צו דאווענען און דאס פלאץ וואס דארט איז די שטערקסטע מסוגל פאר די תפלות צו ווערן אנגענומען. – דאס ארויפגיין איז מיט געמישטע געפילן, פון איין זייט בשמחה אויף די זכות וואס אונזער דור האט צו קענען זיך אביסל צוריקקערן צו אונזער בית חיינו, פון די אנדערע זייט מיט אבלות על העזרה השוממה והחרבה, צו זעהן דעם ביטערן חורבן פון דעם תל תלפיות אזוי נאנט פאר די אויגן, נישטא קיין מקדש קיין עבודה קיין כהן קיין מזבח, נאר אנשטאט איז שועלים הלכו בו מיט דיס-רעספעקט פאר אלעס וואס אונז הייליג. – מען טאר נישט ארויפגיין צום הר הבית ווייל מען וויל נוצן דאס ארט אלץ א קיצור-דרך א

דורכוועג-שאורקאט אנצוקומען שנעלער צו אן אנדערען ארט.

2. **טאשקע/רוק זאק:** דאס ארויפגיין צום בארג איז אן עבודה פון דינען הקב"ה אין אזא הייליגע פלאץ דורך תפילה און בענקשאפט צום בית המקדש. דערפאר, טאר מען נישט ארויף מיט זאכן וואס העלפן נישט צו העלפן דעם ציהל. צום ביישפיל – מען גייט נישט אריין מיט א רוקן-זאק, טאשקע אדער סיי וועלכע אנדערע זעקל, סיי אין די הענט און סיי ארומגעבינדן ארום די לענדן. נאר אויב דאס זעקל איז שיין און מכובד'דיג און דער וואס טראגט עס דארף עס וויכטיג האבן פאר די חפצים וואס געפונען זיך דערין. אדער ווען איז אינגאנצן פארדעקט מיט די קליידער וואס מען האט אן.

3. **מכובד'יגע קליידער:** מען דארף זיך אנטוען אויף א מכובד'דיגע און צניעות'דיגע פארנעם, ווי עס פאסט ווען מען גייט אין אזא חשובע און הייליגע פלאץ (צ.ב. א העמעד מיט ערמעל). - אויסער דעם וואס קומען נישט אנגעטוען מיט צניעות איז נישט אויסגעהאלטן סיי מצד כבוד פאר די פלאץ און סיי מצד הלכה, גיין מיט א קלייד וואס דעקט נישט צו רוב פונעם גוף קען אויך צוברענגן צו אום-אמגענעמליכקייטן און קריגערייען פון די "משמרת הצניעות" פון די וואקף.

4. **שיך פון לעדער:** מען טאר נישט ארויפגיין צום הר הבית מיט שיך פון לעדער. מען קען ארויפגיין מיט יום כיפור שיך (פלעסטיק, סחורה, גומי וכו'). – די געוועגליכע שיך קען מען איבערלאזן אין די לאקערס וואס איז צוגעשטעלט לטובת העולים נעבן די עמדת בדיקת המשטרה ביי שער הלל (המוגרבים) ממש פאר מען גייט ארויף. (אויב מען גייט בארוועס דארף מען זיכער מאכן אז די פיס איז ריין פונעם וועג). עס איז אויך צוגעשטעלט עקסטערע פלאסטיק שיך ביים אריינגאנג וואס מען קען בארגן אויב מען האט נישט מיט זיך, פונדעסטוועגן איז ראטזאם אז מען זאל יא מיטברענגן.
ווען מען טוט אויס די געוועגליכע שיך פארן ארויפגיין זאל מען קודם אויסטוען די רעכטע שיך (און נישט די לינקע שיך ווי געוועגליך) ווייל דאס איז א חליצה של מצווה דארף מען מכבד זיין די רעכטע זייט קודם.

5. **שפייען:** נישט שפייען אויף דער ערד - אויב האט מען נישט קיין ברירה, קען מען ארייגשפייען אין א טישו אדער טאשטיכעל (הערה: ראטזאם מיטצונעמען אין טאש)

6. **אויפפירן מיט רעספעקט:** זיך אויפפירן מיטן פולסטן כבוד און רעספעקט – זיך פארמיידן פון זייטיגע שמועסערייען שיחה בטלה און פון קלות ראש וואס פאסט זיך נישט פאר אזא מקום קדוש, ענדליך צו די הלכות וואס שטייט ביי א בית כנסת און נאך מער. – מען מעג עסן און טרינקען און נעמען בילדער, אבער פארשטייט זיך מיט אנגעהאלטענקייט און רעספעקט.

7. **שיחה בטילה:** מען טאר נישט רעדן איבריגע רייד אינעם הר הבית, דערפאר איז רעקאמענדירט נישט ארייינצוגיין מיט א טעלעפאן וכדו' און כאטש לכל הפחות עס צו פארלעשן פאר מען גייט אריין.

8. **פניה לימין/זיך קערן רעכטס:** ווען מען גייט אריין צום הר הבית, גייט מען אריין דורך די רעכטע ריכטונג און מען גייט ארום און דערנאך ארויס פון די לינקע זייט.

9. **מדריך/באגלייטונג:** עס איז שטארק רעקאמענדירט כאטש ביי די ערשטע פאר עליות צו ווערן באגלייט דורך א יוד וואס קען זיך גוט אויס מיט די גרעניצן פון די הר הבית וואו מען מעג נישט אדער יא גיין.

**<u>דיני הקריעה על ראיית מקום המקדש</u>**

עס זענען פאראן פוסקים וואס האלטן אז מען דארף רייסן קריעה ווען מען זעהט די מקום המקדש אין איהר חורבן. אין טעג פון שמחה שבת, יו"ט ווי אויך אום חול המועד, ראש חודש, חנוכה אדער פורים רייסט מען נישט קיין קריעה. מען רייסט נאר אויב מען האט נישט געזעהן דאס ארט פאר 30 טעג אדער מער. עס זענען דא פוסקים וואס האלטן אז נאר א יוד וואס קומט יעצט פון חוץ לארץ דארף רייסן. ווי אויך זענען דא וואס זענען מקיל דורך מקנה זיין דעם איבערשטען בגד פאר א חבר אזוי אז וויבאלד דאס קלייד איז נישט זיינס בשעת מען דארף רייסן ווערט ער גע'פטר'ט פון די קריעה. ווער עס וויל מחמיר זיין קען דאס טוען איעדעס מאל וואס עס איז אריבער 30 טעג פונעם לעצטן באזוך. למעשה זאל מען כאטש איינמאל אין לעבן רייסן קריעה ווען מען זעהט דאס ארט צום ערשטן מאל. (עיין בספר 'פניני הלכה – ליקוטים בענייני העם והארץ' ט, י-יב).

**<u>ברכת שהחיינו</u>**

דורכ'ן ארויפגיין צום הר הבית איז מען מקיים אסאך מצוות ווי לְשִׁכְנוֹ תִדְרְשׁוּ וּבָאתָ שָׁמָּה, וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ, וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ און נאך. עס זענען פאראן פוסקים וואס האלטן אז פאר איעדע מצוה וואס מען טוט צום ערשטן מאל אין לעבן דארף מען דאנקן הקב"ה מיט די ברכת שהחיינו. איבערהויפט ווען זעהט די מחנה שכינה פון די נאנט. (הרב ישראל אריאל)

## <u>ג) הדרכה כללית/אַלגעמיינע פראקטישע אנווייזונגען:</u>

- **תעודת זהות:** ברענגט מיט זיך א תעודת זהות - אידענטיפיצירן ID קארטעל (רישיון רכב, פאספארט וכדו').

- **ספרים ותשמישי קדושה:** די משטרה פארבאט ארייַנצוברענגן אויפן הר הבית יודישע הייליגע חפצים צ.ב. סידור, תפילין און דאס גלייכן. עס איז צוגעשטעלט ספעציעלע לאקערס נעבן די עמדת הבידוק לטובת די עולים וואו מען קען אוועקלייגן די ספרים און דאס גלייכן. אויפן הר הבית קען מען נוצן א טעלעפאן וואס האט אויף זיך אן אפליקאציעס מיט סידור, תפילות וכו' - אדער זיך איינחזר'ן די תפילות אויף אויסעווענדיג, וואו אויך איז כדאי פון פאראויס צוגרייטן סיי וועלכע נעמען מען וויל דערמאנען ביים דאווענען.

- **בית הכסא/שירותים**: די משטרה פארבאט יודן צו נוצן די בית הכסא אויפן הר הבית. – עס איז ראטזאם זיך צוצוגרייטן פון פאראויס פאר מען שטעלט זיך אין די שורה ארויפצוגיין. עס געפינען זיך שירותים אין מרכז דווידסון און אויך ביים כותל.

- **ילדים/קינדער:** קינדער פילן זייער די הייליגקייט פונעם פלאץ כאטש אזוי שטארק ווי די עלטערע, עס איז שטארק רעקאמענדירט זיי מיט צוברענגען. און עס איז כדאי זיי צוצוגרייטן פון פאראויס, דורך רעדן צו זיי פון די קדושת המקדש, ווייזן בילדער פונעם בית המקדש, כדי זיי זאלן זיך קענען בעסער

פארשטעלן בשעת'ן זיין אויפן הר הבית – ווי אויך איז וויכטיג זיי צוצוגרייטן מיט טעכנישע פארברייטונגען דורך נוצן די ביה"כ פאר מען שטעלט זיך אין די שורה ארויפצוגיין, ווי אויך זיי מיטגעבן א פלעשל טרינקען און אביסל צובייס. (אזוי וועט עטץ פארדינען א ברכה אויפן הר הבית און צו האלטן די קינדער רואיג דורכאויס).

- **אכילה ושתיה קלה:** ביים ארייגאנג נאך די עמדת בדיקת המשטרה איז צוגעשטעלט ספעציעל פאר די עולי הר הבית לייכטע צובייס מיט געטראנקען, קפה, טיי, קאלט וואסער זיך צו דערכאפן דאס הארץ פארן ארויפגיין.
- **כלי נשק/געווער:** מען לאזט נישט אריינגיין צום הר הבית מיט סיי וואספארא געווער. אויב מען האט געווער קען מען עס איבערלאזן ביי די תחנה משטרת הכותל (נאנט צום אריינגאנג צו די כותל טונעלען, העכער די אריינגאנג צו די בית הכסא'ס).
- **מדריכים:** איעדן טאג ווארטן עקספיריענסט מדריכים צוגעשטעלט דורך "כפות מנעול" ביים אריינגאנג צום הר הבית, וואס טוען באגלייטן און ארויסהעלפן די עולים להר הבית.

**פארשידענע הילפס-טעלעפאן נומערן:**

- הלכה פראגעס פאר מענער: 052–720-3210, 050-414-2425
- הלכה פראגעס פאר פרויען:
  הרבנית עידית ברטוב 050-366-3101 iz8ik1@gmail.com
  הרבנית יהודית בטיש 052-830-8411
- צו באשטעלן טורס אויפן הר הבית: 054-450-2498
- "כפות מנעול" - טל הורוביץ: 058- 694-1647
- משטרת ישראל - נקודת הר הבית: 02-595-5820
  (איינצושרייבן גרויסע גרופעס אדער פאר אנדערע פראגעס/בירורים)
- פאר מער פרטים: 052-720-3210, 054-572-0066

• בקשה – ביסטו ארויף צום הר הבית? דער מדריך האט דיר געהאלפן? ביטע פיר דאס אריבער אויף ווייטער האסט געטראפן טעותים אדער האסט געדאנקן צו פארבעסערן סיי וואס? שרייב דאס אין די קאמענטס אויפן הר הבית וועב-זייט אדער שיק א אי-מעיל צו: olimlahar@gmail.com

====================

# ישיבת הר הבית

זייטס שותפים אינעם בניין התורה אויפן הר המוריה
וואס פון דארט גייט ארויס תורה! כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים

פאר נדבות דורכן טעלעפאן רופט: 074-787-1553
מען קען שיקן א טשעק פאר: “ישיבת הר הבית” ת.ד. 57104 ירושלים
https://har-habait.org/yeshiva

====================

# שמות לתפלה

איבערצוגעבן נעמען פאר תפלה אויפן הר הבית להצלחות וישועות
די תלמידי ישיבת הר הבית וועלן פאר דיר דאווענען אומזיסט פריי פון אפצאל - פאר ווער עס וויל מען זאל פאר זיי בעטן: "כָּל נֶגַע, כָּל מַחֲלָה. כָּל תְּפִלָּה כָל תְּחִנָּה, אֲשֶׁר תִהְיֶה לְכָל-הָאָדָם, לְכֹל עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל".
אויפן הייליגסטן פלאץ אויף די וועלט וואס איז די מערסטע מסוגל אז די תפלות זאלן ווערן אנגענומען. אזויווי די פסוק זאגט: "לִהְיוֹת עֵינֶךָ פְתֻחֹת אֶל הַבַּיִת הַזֶּה, לַיְלָה וָיוֹם, אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אָמַרְתָּ יִהְיֶה שְׁמִי שָׁם, לִשְׁמֹעַ אֶל הַתְּפִלָּה אֲשֶׁר יִתְפַּלֵּל עַבְדְּךָ, אֶל הַמָּקוֹם הַזֶּה. וְשָׁמַעְתָּ אֶל תְּחִנַּת עַבְדְּךָ עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, אֲשֶׁר יִתְפַּלְלוּ אֶל הַמָּקוֹם הַזֶּה.”

אריינצושיקן א נאמען אומזיסט צום דאווענען, דרוקט דעם לינק:
https://har-habait.org/contact

==============================================

# שאלות ותשובות בענייני עלייה להר הבית

## ענטפערס פאר פארשידענע פראגעס וועגן ארויפגיין אויפן הר הבית

געשריבן דורך הרב הלל בן שלמה – א חבר אינעם בית הדין פונעם תנועות המקדש און איבערגעטייטשט אין יודיש

**1. פראגע: צו מעגן יודן ארייגגיין צום הר הבית?**

ענטפער: דאס ארייגגיין צום הר הבית איז לכתחילה גאר באשטימט דווקא פאר יודן, ווייל דאס איז דאך די בארג פונעם הויז – אונזער בית המקדש. – עס איז אמת און ווער, אז אינעם מצב וואס מיר געפינען זיך היינטיגע צייטן זענען מיר אלע טמא פון מתים, און עס איז דא חלקים/פלעצער פונעם הר הבית און וואס א טמא מת טאר נישט אהין ארייגגיין; און אזוי אויך, פאר מען גייט אריין צו די איבריגע מותר'דיגע פלעצער פונעם הר הבית איז דא א חיוב זיך צו רייניגן פון אנדערע טומאות. פון א הלכ'דיגע שטאנדפונקט, איז דא מער סיבה מתיר זיין אז יודן זאלן ארייגגיין צום הר הבית, ווי איידער צו לאזן אז גוים זאלן ארייגגיין, ווייל פאר זיי איז נישט פארהאן קיין שום וועג פון זיך רייניגן, און עס איז פארהאן חלקים/פלעצער פונעם הר הבית וואס פאר זיי איז קיינמאל נישטא קיין הלכה'דיגע מעגליכקייט דארט ארייגצוגיין (פאר מער זעה: משנה כלים א,ח - רמב"ם בית הבחירה ז,טו-טז וביאת המקדש ג,ג-ה).

**2. פראגע: צו מעג איינער וואס איז א טמא מת ארייגגיין צום הר הבית?**

תשובה: נישט נאר פאר א טמא מת איז מותר, נאר אפילו א טויטע'ן אליין מעג אויך ווערן ארייגעטראגן צום הר הבית! די דאזיגע הלכה איז באשטימט פון אלע פוסקים און עס איז נישט דא דערביי קיין מחלוקת. אזוי פארציילן אויך חז"ל אין אסאך פלעצער אויף משה רבינו אליינס, אז ער האט מיטגענומען מיט זיך די ביינער פון יוסף הצדיק, צו א פלאץ וואס האט די זעלבע קדושה ווי די קדושה פון הר הבית! צו די חלק/שטח וואס ווערט אנגערופן מחנה לויה (זעה גמרא פסחים סז,א, נזיר מה,א, סוטה כ,ב; און זעה אינעם רמב"ם צוגעצייכנט אויבן). אבער, לויט ווי שוין אויבן דערמאנט, רעד מען נישט פון די גאנצע שטח פון הר הבית, און עס איז דא חלקים (וואס ווערט אנגערופן מחנה שכינה) וואס זענען יא אסור פאר טמא מת.

**3. פראגע: וועלכע זענען די פלעצער אין וואס א טמא מת טאר נישט ארייגגיין?**

תשובה: די שטח וואס ווערט אנגערופן אין די שפראך פון חז"ל 'עזרה' (וואס דאס איז וואס ווערט געוועגליך אנגערופן "מקום המקדש" דאס פלאץ פונעם בית המקדש), צוזאמען מיטן שטח וואס נעמט ארום די עזרה וואס דאס ווערט אנגערופן 'חיל' און 'עזרת נשים'. ארייגצוגיין אינעם שטח העזרה איז אסור מן התורה, און עס איז אויך דא דערויף א חיוב כרת פאר דער וואס גייט דארט אריין במזיד אן קיין ספעציעלן געברויך (שלא לצורך), אבער דאס ארייגגיין צום 'חיל' ווי אויך צום 'עזרת נשים', איז לויט די אנגענומענע דעה, נאר אסור מדרבנן (משנה כלים דארטן, זעה אויך די מפרשים אויפן משנה; אבער פונעם רמב"ם קוקט אויס אז לדעתו איז אויך די איסור פון ארייגגיין אינעם 'חיל' מן התורה).

**4. פראגע: צו איז דען דא א מעגליכקייט היינט צוטאגס צו אידענטיפיצירן די אלע פלעצער אינעם הר הבית?**

תשובה: לויט די אור-אלטע מסורה וואס ווערט דערמאנט אין שו"ת הרדב"ז (חלק ב סימן תרצא) און אין נאך אסאך פארשידענע מקורות, איז די כיפת הסלע (די היינטיגע גאלדענע כיפה) געבויט אויף די אבן השתיה וואס געפינט זיך אין צענטער פונעם קודש הקדשים. לויט די דאזיגע רייד, און צוזאמען מיט די משניות פון מסכת מידות וואס שמועסט אויס מיט א ברייטקייט די פארשידענע חלקים/פלעצער פונעם בית המקדש, וואס נעמט אריין אין זיך די רעכענונגען פון די ווייטקייט צווישן די אלע חלקים, לויט דעם קען מען אויסרעכענען וואו עס געפינט זיך די פלאץ וואו עס האט איז געווען געבויט די 'חיל' און די עזרות. עס איז טאקע אמת, אז מיר האבן נישט היינט די מעגליכקייט צו אידענטיפיצירן די אלע פלעצער מיט א הונדערט פראצענטיגן זיכערקייט, דערפאר טאקע פיהר מיר אונז זיך מחמיר צו זיין און בכלל נישט אריינגיין צו די פלעצער וואס מען קען האבן א ספק אז אפשר איז דארט געשטאנען די חיל און די עזרה.

5. **<u>פראגע: איז נישט פארהאן קיין חשש אז טאמער וועט מען זיך טועה זיין און יא אריינגיין אין א פלאץ וואס איז דא דארטן א חיוב כרת?</u>**

תשובה: די וועג וואס די יודן זענען צוגעוואוינט צו גיין ארום די הר הבית, טוט זיך נישט דערנענטערן צו די שטח וואס עס איז דא אין איהר א חיוב כרת. די שטח פון די עזרה געפונט זיך אויף א אויפגעהויבענע פלאטפארמע וואס מען גייט ארויף דערצו דורך שטיגן, און געוועגליך לאזט נישט צו די משטרה זיך בכלל צו דערנענטערן דארטן. און א איעדענספאל, צום ערשטן מאל וואס דו גייסט ארויף צום הר הבית, איז בעסער צו גיין צוזאמען מיט א יוד וואס איז שוין געווען אין דער פארגאנגענהייט אויפן בארג און ער קען זיך גוט אויס וועלכעס איז דער וועג וואס איז ראטזאם צו גיין.

6. **<u>פראגע: וואס דארף מען טוען זיך צו רייניגן כדי צו קענען ארייגגיין צום הר הבית?</u>**

תשובה: מען דארף זיך טובל'ען אין א מקווה אדער מעין-קוואל כדי זיך צו רייניגן פון טומאת קרי. פאר די טבילה דארף מען זיך גוט ארומוואשן דאס גאנצע גוף און די האר, און זיכער מאכן אז אין די צייט פון די טבילה איז נישט דא קיין שום זאך וואס מאכט א צווישנשייד צווישן די גוף און די וואסער – דאס הייסט אוועקנעמען סיי וועלכע חציצה (רייניגן די ציין, אויסטוען לענסעס, שניידן נעגל, קעמען די האר וכו'), אויב מען קומט פון א זיכערע טומאת קרי און מען האלט גאר בקרוב ארויפצוגיין צום הר הבית מאכט מען א ברכה "אשר קדשנו במצוותיו וציוונו על הטבילה" (מען קען מאכן די ברכה תיכף נאך די טבילה ווילאנג מען געפינט זיך נאך אין וואסער, אבער מען זאך נישט מאכן די ברכה ווען די קאפ איז אויפגעדעקט אדער ווען מענטשן ארום זענען נישט אנגעטון; און מען קען אויך מאכן די ברכה נאכן זיך אנטון).
(הערה: מען קען מאכן א ברכה בשעת'ן טבילה אויב עס איז פארהאן די 2 פאלגענדע תנאים: א. אויב מען טובל'ט זיך יעצט פון א זיכערע טומאה. ב. אויב האט מען א כמעט זיכערע פלאן ארויפצוגיין ממש יעצט צום הר הבית. די ברכה קען מען זאגן נאנט צום טובל'ען אין די אינדרויסענדע צימער פונעם מקוה ארומגענומען מיט א האנטוך אונטערן הארץ אויב פעלט פון די 2 תנאים, זאל מען זיך טובל'ען אן א ברכה. (מפסקי הרב ליאור שליט"א))

7. **<u>פראגע: צו דארפן אויך קינדער זיך טובל'ען?</u>**

תשובה: יונגלעך פון 9 יאר און העכער דארפן זיך טובל'ען, און מיידלעך וואס זענען נאך נישט אנגעקומען צו די עלטער פון נדות דארפן זיך נישט טובל'ען (לויט די גמרא אין פסחים סז,א-ב ונידה לב,א, ברייט אויסגעשמועסט אין ספר "אל הר המור" פון הרב יצחק שפירא והרב יוסף פלאי).

8. **<u>פראגע: צו קענען אויך פרויען ארויפגיין צום הר הבית?</u>**
תשובה: אויך פרויען קענען ארויפגיין. פונדעסטוועגן דאך איז טהרת נשים מער קאמפלעצירט פון טהרת גברים, דערפאר ליגט א חוב אויפן פרוי וואס גייט ארויף צו לערנען די הלכות הטהרה פארן ארויפגיין (כדי אריינצוקוקן מער וועגן די ענין אין: גליון מעלין בקודש כו); א זאך וואס איז באמת שטארק ווערט אז אויך מענער זאלן דאס גוט אדורכלערנען.

9. **<u>פראגע: צו איז פאראן נאך פארשידענע הלכות וואס מיר פיהרן זיך ביים ארויפגיין צום הר הבית?</u>**
תשובה: א טייערע מצוה וואס ווערט מקויים אין די צייט וואס מען גייט ארויף צום הר הבית איז די מצוה פון "מורא מקדש". די דאזיגע מצוה איז אונז מחייב אריינצוגיין דווקא אויף א מכובד'דיגע אופן – כאטש נישט ווייניגער ווי מען גייט אריין אין א בית כנסת. מען זאל נישט אריינגיין מיט לעדערנע שיך – מען מעג אבער אריינגיין מיט שיך וואס זענען פאברעצירט פון סחורה אדער ראבער, אזוי ווי די שיך וואס מען טוט אן יום כיפור. מען זאל נישט אריינגיין מיט א שטעקן (אבער אין א וויל-טשעיר מעג מען יא אריינגיין). מען זאל נישט אריינגיין ווילאנג מען איז אנגעגארטלט מיט א פאוץ' (אזא בערזעל-גארטל געמאכט צו האלטן געלט און קלייניקייטן), אדער ווען מען האלט א זעקל וואס איז נישט מכובד'דיג, אזויווי א רוק-זאק (בעקפעק) אדער טאשקע. אויב איז פאראן א געברויך מיטצוברענגען זאכן אינעם שטח פונעם בארג, זאל מען עס אריינלייגן אין א שיינעם מכובד'דיגע האנט-טאשקע. מען זאל נישט שפייען אינעם גאנצן שטח הר הבית, און אויב האט מען נישט קיין ברירה, קען מען אריינשפייען אין א טישו אדער האנטיכעל (הערה: ראטזאם מיטצונעמען אין טאש), אבער נישט שפייען אויף דער ערד (לויט די משנה ברכות ט,ה, און רמב"ם בית הבחירה פרק ז).

10. **<u>פראגע: אויב די הלכות זענען טאקע אזוי פשוט, פארוואס זענען דעמאלטס אזויפיל רבנים אנטקעגן ארויפגיין צום הר הבית?</u>**
תשובה: די עיקר התנגדות שטאמט פון א חשש א זארג אז מען וועט געשטרויכלט ווערן דורך אריינגיין בטומאה צו די מקום המקדש, וואס דאס איז פארבינדן מיט אן איסור כרת; אדער וועגן א חשש אז מען וועט געשטרויכלט ווערן אין די הלכות פון דאס עצם ארויפגיין צום הר הבית, אז עס וועט פעלן די טהרה וואס פאדערט זיך פארן ארויפגיין (טבילה אין מקוה וכו'). די דאזיגע חששות קומען פון א פלאץ וואו עס האט געפעלט דאס שטענדיגע ארויפגיין צום הר הבית, דערפאר זענען די הלכות אין אונזערע טעג א נייע זאך וואס מען איז דערצו נישט געוואוינט נאך דעם וואס פאר דורי דורות האט מען זיך נישט באשטעפטיגט דערמיט. א מציאות וואס האט זיך אוועקגעשטעלט תיכף נאך די זעקס-טאגיגע מלחמה, תיכף ווען מען האט איינגענומען דעם הר הבית, האבן מאסן יודן אנגעהויבן שטראמען צום פלאץ וועלענדיג אנקומען צום כותל, און אסאך זענען געגאנגען דורכן וועג פון הר הבית כדי אהין אנצוקומען. האבן דעמאלטס אסאך גרויסע חשובע רבנים זיך צוגעאיילט ארויסצוקומען מיט א אויסרוף וואס ווארענט נישט גיין צום הר הבית, ווייל עס האט פשוט געפעלט די ידיעות פון די הלכות וויאזוי מען גייט ארויף צום הר הבית.

די דאזיגע אויסרוף ווערט גענוצט נאך היינט דורך אסאך רבנים אלץ א מקור פארן איסור ארויפצוגיין צום הר הבית, עס איז אבער נישט מסתבר צו זאגן, אז די רבנים וואס האבן געחתמעט אויפן אויסרוף זאלן האבן אינזין צו מאכן דאס פאר א איסור פאר די קומענדע דורות; אזוי טרעפן מיר טאקע ווי הרב חיים דוד הלוי זצ"ל (וואס

איז געווען די שטאט'ס רב פון תל אביב) זייענדיג איינער פון די וואס האבן געחתמעט אויפן אויבענדערמאנטען אויסרוף הנ"ל, שרייבט אפאר יאר שפעטער גאר פארקערטע רייד (שו"ת עשה לך רב, חלק א סימן טו): "עס זענען דא וואס זענען חושש אז טאמער און אפשר וועט די היתר ארייננצוגיין נאכשלעפן נאך זיך א שטרויכלונג פארן רבים מיט אן איסור כרת דורכן ווערן ארייגעשלעפט אין די שטח וואס איז אסור אדער אז זיי וועלן ארייגיין צום שטח פונעם הר הבית אן קיין טבילה און אויסטוען די שיך אזוי ווי די הלכה פארלאנגט, אבער לענ"ד איז נישט פארהאן געגוג אין די דאזיגע חששות צו אסר'ן אויף אונז דאס ארייגיין צום הר הבית, ווייל די וואס עס גייט זיי סייווי נישט אן די הייליגקייט פונעם פלאץ גייען דאך יעצט ווייטער אריין לפני ולפנים. קומט אויס ווער האט שאדן פון דעם גזירה? נאר די יראי ה' וואס זייער הארץ ציעט צו שטייען נאנט ווי ווייט מעגליך צו די פונקט פון די וואונדערליכע לעכטיקייט, וואס דערין איז אינעם פארגאנגענהייט אנטפלעקט געווארן די שכינת ה' מיט א קלארן שיין וואס דאס רועט נאך היינט אויך דארט אינעם הוה נאר אונטער א באהאלטענעם שלייער. די חזקה איז אויף די אלע וואס ווילן אויסגיסן זייער הארץ פארן באשעפער אין אזא הייליג פלאץ וואו דאס אז זיי וועלן זיין געווארענט נישט אדורכצופאלן מיט סיי וואספארא איסור".

11. **<u>פראגע: אפילו אויב מען מעג יא ארויפגיין צום הר הבית, איז דען נישט ענדערשער זיך צו רעכענען מיט די דעות וואס זענען מחמיר און זיך פארמיידן פון ארויפצוגיין אלץ א שב ואל תעשה?</u>**

תשובה: לגבי די פראגע וואס געפינט זיך פאר אונז, איז גארנישט זיכער אז צוליב דעם עניין פון א יחיד'ס פריוואטע אויפפירונג, אז עס זאל אויסקומען אז די דעה וואס אסר'ט דעם ארויפגיין זאל ווערן גערעכנט אלץ די דעה וואס איז מחמיר. ווייל אויסער די פערזענליכע נוצן וואס דאס ארויפגיין ברענגט (וואו אויבענדערמאנט אין די רייד פון הרב חיים דוד), איז דא גאר פארהאן א נוצן פארן גאנצן פאלק פאר כלל ישראל מיטן פארשטארקן אונזער אחיזה-אנהאלטן אין דעם פלאץ, ווייל די מציאות איז אז ווען יודן פארמיידן זיך פון ארויפגיין צום הר הבית, דעמאלטס פאסירט אז די יודן פיינט אינעם פלאץ ווערן פארשטערקערט. און מיר טרעפן שוין אז הקב"ה האט אנגעשריגן אין דוד המלך אויף דעם וואס ער האט איינגענומען ווייטע לענדער פאר דעם וואס ער האט איינגענומען די שייער פונעם יבוסי וואס האט זיך אויפגעהאלטן אינעם הר הבית ("נאנט צו דיין פאלאץ האסטו נישט איינגענומען" – ספרי עקב פסקה נא), ווייל די מצוה פון כיבוש הארץ איינגעמען ארץ ישראל דארף צום ערשטן זיין אויף דעם פלאץ. דערפאר, קומט אויס אז די פערזענליכע  חומרה פון זיך צוריקהאלטן און נישט ארויפגיין, קען נישט ארבעטן אלץ א רעקאמאנדאציע פארן ציבור, וואס דאס נישט נאר ברענגט מיט זיך א קולא, נאר גאר א גרינשעצונג און די כלל ישראלי'גע הלכה פון איינגעמען דאס פלאץ.

עס איז כדאי צו דערמאנען, אז אויך דאס ארויפגיין קיין ארץ ישראל אז געווען ארומגענומען מיט א שטארקע קעגנערשאפט פון באקאנטע רבנים אינעם דור פאר די שואה. און אזויווי מיר טוען נישט צושטערן די מצוה פון יישוב ארץ ישראל וואס ווערט אזוי אלע מצוות, דאס זעלבע וועלן מיר זיך נישט פארמיידן פון ארויפגיין, זיך נישט צוריקהאלטן פון גיין פאראויס אויפן וועג צום גאולה, וואס וועט ערמעגליכן מיט די צייט צו קענען מקיים זיין די בערך צוויי הונדערט מצוות וואס ווענדן זיך אינעם מקדש און זיין עבודה.

12. **<u>פראגע: איז דען נישט בעסער צו גיין דאווענען ביים כותל המערבי?</u>**

תשובה: די כותל המערבי כאטש עס איז היינט צוטאגס א הייליגע מקום תפלה, פונדעסטוועגן דאך איז דאס נישט מער ווי א אינדרויסענדע אנלאנונגס-וואנט פונעם הר הבית, און די גאנצע קדושה דארט שטאמט נאר פון דעם וואס עס איז אזוי נאנט צום הר הבית. דווקא די הר הבית איז דאס פלאץ וואו אונזערע עלטערן די הייליגע אבות, אברהם יצחק ויעקב האבן דארטן געדאווענט (פסחים פח,א), און נאר דאס ווערט אנגערופן "שער

השמים" די טויער פון הימל, און אזוי ווי דער רמב"ן שרייבט (בראשית כח,יז): "והנה הר המוריה טוב לתפילה" הר המוריה איז גוט צום דאווענען.

13. **פראגע: צו שטייט דען נישט אין חז"ל אויפן כותל המערבי אז די שכינה האט זיך פון דארט נישט אוועקגערירט?**

תשובה: אנדערשט ווי דער הר הבית און דער מקדש, וואס ווערט דערמאנט אין אונזערע מקורות אן צאל, איז אבער דער כותל המערבי נישט דערמאנט נישט אין די משנה נישט אין די גמרא און נישט אין די ראשונים, נאר אין א געוויסע מדרש ווערט דערמאנט אזא דעה, עס איז אבער למעשה נישט פארהאן קיין שום אויפווייז אז די כוונה פון דעם מדרש איז צו אונזער כותל וואס מיר קענען היינט, וואס פאר ביז צענדליגער יארן צוריק איז דאס געווען א קליינטשיג געסל, און נישט די גרויסע הרחבה-פלאזא וואס מיר קענען היינט. אין מדרש שמות רבה (ב,ב) דרשנ'ט רבי אחא דעם פסוק אין שיר השירים "הנה זה עומד אחר כתלנו" ער [הקב"ה] שטייט אונטער אונזער וואנט, אז דאס באציעט זיך צום כותל מערבי, וואס די שכינה האט זיך פון דארט נישט אוועקגערירט. און א וועג פון בארגן, איז פארהאן די וואס האבן געברענגט די דרשה אויף די מקום התפילה נאנט צום "כותל המערבי" פון אונזערע צייטן, וואס דאס איז א חלק פון די כותל המערבי פונעם הר הבית. אבער אין אנדערע פלעצער אין מדרש איז די גרסה ביי די דרשה "כותל מערבי של בית המקדש" די מערב וואנט פונעם בית המקדש (נישט די מערב וואנט פונעם הר הבית) (תנחומא שמות סימן י; ילקוט שמעוני מלכים א סימן קצה; זעה אויך אין שיר השירים רבה ב,ד און פסיקתא דרב כהנא פסקה ה, לגבי די כותל מערבי פונעם בית המקדש וואס איז נישט חרוב געווארן), און לויט די גרסה איז אוודאי נישט די כוונה צו די כותל המערבי וואס מיר קענען היינט, ווייל די הר הבית ווערט בדרך כלל נישט אנגערופן "בית המקדש" (פונעם מלבי"ם אין זיין ספר ארצות החיים - סימן ג' ארץ יהודה סוף אות ד – קומט אויס אז ער האט געהאלטן, אז די כותל המערבי וואס איז נישט חרוב געווארן מיינט די כותל המערבי פונעם היכל, און ער שטעלט זיך דערויף אינעם ספר בכור שאול אויפן רמב"ם בית הבחירה ז,ה). פארשטייט זיך, אז אויב וועלן מיר זאגן אז עס איז פארהאן א גרעסערע קדושה ביים כותל וואס איז נישט פארהאן ביים הר הבית, קען מען דאך דעמאלטס קומען צום הר הבית אן די געפאדערטע טהרה כדי דורך דעם אנצוקומען צום כותל...

אין שו"ת הרדב"ז (חלק ב סימן תרמח) ווערט ער אנגעפרעגט אויף איינעם וואס מען האט איהם געצווינגען אריינצוגיין צום מקום המקדש, אויב זאל ער דאווענען צום ריכטונג פונעם קדש הקדשים אדער פונעם כותל, און ער ענטפערט אז ער זאל דאווענען צום ריכטונג פונעם קדש הקדשים, און די מאמר חז"ל אויף דעם אז די שכינה האט זיך נישט אוועקגערירט פונעם כותל המערבי קען מען אויסטייטשן ווי א כללית'דיגע דערקלערונג לגבי די ריכטונג פון די שכינה אויף מערב זייט (וואס דארט האט זיך געפונען די קודש הקדשים), און נישט אז מען רעד פון עפעס א ספעציעלע וואנט.

14. **פראגע: צו איז דען נישט פארהאן קיין סכנה דורך ארויפגיין צום הר הבית?**

תשובה: די וואס גייען היינט צוטאגס ארויף צום הר הבית ווערן באגלייט דורך א שטארקע פאליצייאישע וואך, וואס א טייל פון זייער אויפגאבע איז אויך צו פארזיכערן די וואס גייען ארויף. עס איז אמת אז נישט אלץ טוען זיי דאס ווי עס באדארפט צו זיין, און אדרבה, אסאך מאל זיינען זיי גאר די וואס שטערן אז די יודן זאלן נישט דאווענען אדער טוען אנדערע הייליגע פעולות אויפן פלאץ, און לייגן נאך צו פארשידענע שוועריקייטן, פונדעסטוועגן העלפן זיי שטארק צו און א פאל ווען עס פאסירט רייבערייען מיט די אראבער אויפן פלאץ. וויבאלד אז טויזענטער יודן זענען שוין ארויף צום הר הבית במשך די לעצטיגע יארן, און אנדערש ווי אין אנדערע

פלעצער אין ארץ ישראל, איז דא נישט געהרגעט געווארן קיין שום יוד זייט מען האט איינגענומען דאס פלאץ ביי זעקס-טאגיגע מלחמה, איז די לאגיק צו זאגן, אז דע פלאץ ווערט נישט גערעכנט אלץ א מסוכן'דיגער פלאץ. דאס מיינט נישט צו זאגן אז מען דארף נישט זיין אויפמערקזאם ווילאנג מען איז דארט, און ס'איז זיכער נאך אלץ א געוויסע מדרגה פון מסירות נפש און שטארקייט ארייננצוגיין צום הר הבית.

15. **<u>פראגע: כאטש אויב פאר מיר פערזענליך איז נישט דא דערביי קיין סכנה, דארף מען דען נישט זיך זארגן אלץ א כללית'דיגע געפאר פארן יודישן פאלק, מיט דעם וואס מיר רעגן אויף די אראבערס וואס געפינען זיך דארט בשעת מיר גייען ארויף?</u>**

תשובה: עס אז פארהאן אסאך זאכן וואס מען קען אנקוקן אלץ א זאך וואס קען אויפרעגן די אראבער. אויך די יישובים אין יהודה ושומרון רעגן זיי אויף, אויך דאס בויען נייע הייזער און געגענטער אין ירושלים, און אויך אונזער נאטורליכע געוואוקס רעגט זיי אויף. בעצם, אונזער גאנצע עקזיסטענץ דא אין ארץ ישראל רעגט זיי אויף. מיר גייען נישט ארויף מיטן ציעל זיי אויפצורעגן, פונקט ווי מיר בויען נישט אונזערע הייזער כדי זיי אויפצורעגן. מיר דארפן זיך לעבן אונזער לעבן און טוען די ווילן פון אונזער בורא, און נישט זיין באזארגט פאר די וואס ווילן שעדיגן און אונזער לעבן, און ווילן אונז פארמיידן פון טוען די ווילן פון אונזער בורא. עס איז אסאך א גרעסערע סכנה פאר אונזער עקזיסטענץ זיך צו רעכענען מיט זיי און נישט טוען, ווי צו טוען וואס מיר דארפן אן זיך צו רעכענען מיט זיי (ענדליך צו די באקאנטע משל פונעם פוקס וואס האט פארגעשלאגן פאר די פיש פון וואסער צו קומען וואוינען מיט איהם אויפן טרוקעניש, כדי צו ווערן געראטעוועט פון די געפארן וואס לאקערן אויף זיי פון די אויסגעשפרייט נעצן אינעם וואסער).

16. **<u>פראגע: איך האב געהערט א געדאנק אז עס זענען דא מתירים וואס האלטן אז מען מעג גיין איבעראל אויפן גאנצן בארג, אלץ די מצווה פון כיבוש.</u>**

תשובה: עס זענען טאקע פארהאן די וואס זענען דאס מתיר, באזירט אויף די רייד פון חז"ל (עירובין קה,א און רמב"ם בית הבחירה ז,כג) וואס זענען מתיר ארייננצוגיין אפילו צום פלאץ פון די קודש הקדשים, כדי צו בויען, פאררעכטן אדער ארויסצונעמען פון דארט א טומאה. אבער נישט יעדער איינער קען דאס טוען אויף זיין אייגענעם באשלוס, און אפילו ווען מען קען יא עפעס טוען, איז פארהאן א סדר ווער עס גייט צום ערשט כהנים פאר לויים אדער ישראלים, און טהור'ע פאר טמא'נע. הרב שלמה גורן זצ"ל (וואס איז געווען דער רב הראשי פון ארץ ישראל) אין זיין ספר "הר הבית" פארשפרייט א בריוו וואס דערין איז ער מתיר פאר די חברים-מעמבערס פון ועדת הפנים פונעם כנסת ארייננצוגיין צום הר הבית אויך אן די געפאדערטע טהרה, כדי אויסצודרוקן די פאקט אז מדינת ישראל געוועלטיגט אויפן פלאץ. פארשטייט זיך, אז די דאזיגע היתר איז נישט געזאגט געווארן פאר סתם מענטשן, און דאס איז נאר שייך דווקא אין פעלער וואס איז דא ביי זיי א דערקענטבארע נוצן-אויפטוה פון דעם אריינגיין.

17. **<u>פראגע: צו קענסטו אויסשמועסן די וועג פון ארויפגיין 'מסלול העלייה' צום בארג?</u>**

תשובה: דאס ארויפגיין צום הר הבית היינס צוטאגס פאר יודן איז ערמעגליכט נאר דורכן איינציגער טויער וואס ווערט אנגערופן 'שער המוגרבים' (אדער שער הלל), מען קען ערגרייכן דעם טויער ביים אריינגאנג צום רחבת הכותל פון די זייט פון שער האשפות. נאך די משטרה אונטערזוכונג גייט מען ארויף די בריק 'גשר המוגרבים' וואס מען קען קלאר זעהן ווי עס גייט ארויף און די הייעך ביי די רעכטע זייט פונעם עזרת נשים ביים כותל. ווען מען קומט אריין דורכן טויער ביים הר הבית דארף מען גיין צו די רעכטע זייט (משנה במידות ב,ג ורמב"ם בית הבחירה ז,ג), גראד נאך די געביידע וואס געפונט זיך ביי די רעכטע זייט פונעם אריינגאנג (וואס ווערט אנגערופן 'מוזיאון האיסלאם'). קען מען גיין ווייטער גראד ביז די דרום-מערב ווינקל פונעם הר הבית, און פון דארט גיין

ווייטער אין א גראדע ליניע אנטקעגן איבער די טויער דורך וואס מען איז אריינגעקומען, און גיין ווייטער דורכאויס די גאנצע לענג פון די דרום זייט פונעם בארג, ביז מען קומט אן צו דער מזרח זייט. ביי די מזרח זייט איז פארהאן א גרויסע חשיבות, ווייל דארטן פלעגט מען זיך צוזאמענקומען פאר עפענטליכע תפילות אין די צייטן פונעם בית המקדש, און עס איז אויך געווען אן איסור זיך אויפצופירן מיט א לייכטזינונגקייט אנטקעגן די מזרח טויער פונעם עזרה (און לויטען רמב"ם בית הבחירה ז,ז גייט דער איסור אויך אן היינט צוטאגס). ביי דעם זייט דארף מען גיין אויפן אויסגעטראטענעם וועג גאר נאנט צום חומה-מויער (און נישט אויפן וועג וואס איז פאראויס, ווייל דער דאזיגער וועג גייט אריבער דאס ארט פונעם עזרת נשים). איז עס אנגענומען זיך אפצושטעלען אינמיטן דעם וועג אנטקעגן איבער די (אפגעשאצטע) ארט פונעם מזרח טויער פון די עזרה – שער ניקנור, וואס דאס איז געווען די הויפט טויער אריינצוקומען אינעם בית המקדש. מען קען אידענטיפיצירן דאס פלאץ לויט די וועג וואס פירט פון מזרח זייט אין דער ריכטונג פון די העכערע פלאטפארמע - און די ארטשעס וואס געפונט זיך איבער די טרעפ אויף דעם זייט. ווען מען גייט ווייטער אויף די לענג פונעם מזרח וועג עררייכט מען צו א געביידע וואס איז נאנט צום מזרח וואנט, וואס ווערט אנגערופן 'שער הרחמים'. נאך דעם וואס מען גייט ארום די געביידע עררייכט מען צו די זייט פון צפון, און מען איז ממשיך צו גיין ווייטער אויף דעם וועג ביז מען קומט אן צו מערב זייט. דאס ארומגיין ווערט פארענדיגט אויף מערב זייט, און מען גייט ארויס פונעם טויער וואס ווערט אנגערופן 'שער השלשלת' (אדער שער דוד). פארשטייט זיך אז מצד ההלכה, קען מען אויך גיין ווייטער אויף מעריב זייט צוריק ביז צום פונקט וואו מען איז אריינגעקומען (שער המוגרבים) און הערשט דערנאך ארויסצוגיין פונעם שער השלשלת, און מען קען אויך ארויסגיין פריער פון איינע פון די אנדערע טויערן, אדער צו דורכפירן אנדערע טוישונגען אינעם וועג, נאר ווילאנג מען גייט נישט אריין צו די פלאץ וואס איז אסור פאר טמאי מתים אהין אריינצוגיין.

18. **פראגע: צו קענסטו פארציילן וואס מען זעהט ווען מען גייט ארויף צום הר הבית?**
תשובה: איך וואלט ווען דערציילט, אז מען זעהט די שכינה. אז מען זעהט די קדושה פאר די אויגן, און מען שפירט ווי מען גייט ארויף העכער און נענטער צו גאולה. און מען קען טאקע נישט זאגן אז די געפילן איז נישט דא. אבער צו אונזער ווייטאג, איז דאס ארויפגיין צום בארג היינט צוטאגס א געללגענהייט צו זעהן דעם גלות אויף דעם שטערקסטען פארנעם. אויסער די משטרה ווי שוין דערמאנט וואס באגלייט דיר די גאנצע צייט, קומען אויך מיט אויפן וועג אראבער מטעם די 'וואקף', וואס זייער ציהל איז צו ווייזן אז זיי געוועלטיגן דא אויפן פלאץ. עס געפינען זיך געוועגליך דארט גרופעס פון אראבער וואס זוכען כסדר א געלעגענהייט אנצוטשעפענן אדער אפשפעטן פון די יודן וואס קומען באזוכן דאס הייליג ארט. ווי אויך קען מען כסדר זעהן גוים טמאים פון אלע עקן וועלט קומען באזוכן דאס הר הבית אלץ אן היסטאריש פלאץ אן קיין שום באטראכט אדער רעספעקט פון די ארטיגע הייליגקייט. אויפן פלאץ איז פארהאן אן אראבישע שוהלע, און אסאך אראבישע קינדער שפילן כדורגל אויף אלע עקן פונעם בארג. אויך איז פארהאן קברים פון אראבישע רשעים וואס זענען דארט באערדיגט (כדי אז ווען ס'וועט מקוים ווערן "יבוא כל בשר" להשתחוות לפני ה', ווי דער נביא ישעיה איז מנבא, וועט מען אויך קענען מקיים זיין אויך וואס עס שטייט דערנעבן "ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי, כי תולעתם לא תמות ואשם לא תכבה").

מיר זעהן דעם כיפת הסלע (דעם מיט גאלד-באדעקטן כיפה), וואס שטייט פונקט העכערן הייליגסטן פלאץ וואו עס האט באדארפט צו זיין אויפגעבויעט דער בית המקדש מיטן קדשי קדשים, דער איינציגסטער פלאץ אויף דעם גאנצן פלאנעט וואו א גשמיות'דיגער פלאץ איז איינס מיט רוחניות, א פלאץ וואס דער מענטשליכער שכל קען נישט באמת אנטאפן און פארשטייען. און מיר ווייסן אבער, אז אלעס וואס פאסירט דא ארום אונז איז צייטווייליג, ווייל מיר זענען זוכה דא צו זיין, אויפן בארג וואס הקב"ה האט אויסדערוועלט אז דא זאל זיין וואוינונג אויף דעם וועלט. אסאך מאל זענען מיר זוכה זיך מתבודד זיין מיט הקב"ה, כאטש מיר זענען ארומגענומען מיט

מענטשן ארום. "מי שעלה ההר – לקדוש הוא נבחר" ווערט עס גייט ארויף צום בארג איז אויסדערוועלט צו הייליגקייט (דאס זענען די מליצה'דיגע ווערטער מיט וואס דער רמ"א עפענט אויף זיין ספר "תורת העולה"; און אזוי לערן איך אויס מיינע קינדער צו זינגען "מי שנכנס להר..."). ווען מיר גייען ארויף און גרופעס, פאסירט אסאך אז מיר גייען ארויס אין א טאנץ פון שמחה מיט א דערהויבענע גייסט, אין די רגע וואס מען גייט ארויס פונעם בארג. פונדעסטוועגן זענען מיר אויך מקיים דעם "וגילו ברעדה" זיך פרייען מיט א ציטער, און טוען דערמאנען פאר ווער עס האט נישט געזעהן דאס ארט פאר מער ווי דרייסיג טעג, אז עס ליגט אויף איהם א פליכט אזוויי די הלכה צו צורייסן זיין קלייד אלץ א צייכן פון אבלות אויפן חורבן המקדש. און ווער עס קלאגט אויף ירושלים, איז זוכה און זעהט שוין יעצט אין איהר שמחה וואס קומט נענטער און נענטער.

19. **<u>פראגע: צו איז פארהאן ספעציעלע תפילות וואס איז פארגעשלאגן צו זאגן ווען מען איז אויפן הר הבית?</u>**

תשובה: אין די רייד פון חז"ל טרעפן מיר אז מען האט זיך פארזאמלט פאר תפילות אנטקעגן די שער המזרח און עס איז אפילו געווען א ספעציעל נוסח פאר די תפילות וואס זענען דארט פארגעקומען (זעה אין מסכת תענית טו,ב-טז,ב). צו אונזער ווייטאג לאזן נישט די אויטאריטעטן היינט צוטאגס צו דאווענען אינעם הר הבית אויף א באשטימטען סדר, און לאזן אפילו נישט אריינטראגן ספרים אדער בלעטער וואס האבן אויף זיך תפילות. מען קען אבער זאגן מזמורי תהילים פון אויסענווענדיג (בעסער אויף אזא וועג אז די שוטרים און ארבעטער וואס באגלייטן זאלן נישט אינאכט נעמען), אדער ארויסצוליינען תפילות פונעם טעלעפאן.

עס איז פארהאן א צאל פסוקים וואס מען דארף זאגן ווען מען זעהט ירושלים אין איהר חורבן און דער בית המקדש און זיין חורבן: "ציון מדבר היתה ירושלים שממה. בית קדשנו ותפארתנו אשר הללוך אבותינו היה לשרפת אש וכל מחמדינו היה לחרבה. העל אלה תתאפק ה' תחשה ותעננו עד מאוד" (ישעיה סד,ט-יא; לויט די גמרא מסכת מועד קטן כו,א און שו"ע או"ח תקסא,ב). אזוי אויך קען מען זאגן תהילים מזמור ע"ט ("מזמור לאסף" ב"ח או"ח סימן תקסא און נאמען פון ליקוטים געברענגט אין משנה ברורה). קען זיין אז מען קען אויך זאגן מזמור קכ"ב ("שמחתי באומרים לי בית ה' נלך", און אין חג הסוכות איז כדאי צו זאגן די אלע שירי המעלות), ווי אויך סיי וועלכע תפילות וואס רעדן פון די עבודה און בענקשאפט צום בית המקדש, לדוגמא: יהי רצון שיבנה בית המקדש, רבוש"ע אתה ציויתנו להקריב, ממקומך מלכנו תופיע, בריך שמיה, ותערב לפניך וכדומה.

ווען מען זעהט די גויים און די הייזער וואו זיי קומען זיך צוזאם זאל מען זאגן "בית גאים יסח ה'..." (משלי טו,כה; לויט די גמרא מסכת ברכות נח,ב און שו"ע או"ח רכד,יא – עס איז פארהאן פלאץ צו זאגן דאס אויף איעדע בית פון גויים). ווען מען זעהט קברות פון גויים (וואס אזעלכע זענען אויך פארהאן אויפן הר הבית – אויף מערב זייט) זאל מען זאגן "בושה אמכם מאוד חפרה יולדתכם הנה אחרית גויים מדבר ציה וערבה" (ברכות דארטן ושו"ע דארטן סעיף יב).

ווען מען גייט ארויס פונעם הר הבית זאל מען זיך ארומדרייען, אויסגראדן דעם פנים צום ריכטונג פונעם מקום המקדש, און זאגן: "יהי רצון מלפניך ה' אלקינו ואלקי אבותינו שיבנה בית המקדש במהרה בימינו ותן חלקנו בתורתך. ושם נעבדך ביראה, כימי עולם וכשנים קדמוניות".

מיט די ברכה פון בנין המקדש,
הלל בן שלמה


מפת מדרגות הקדושה בהר הקודש
העזרה
החיל
עזרת נשים
ההיכל
(המקומות המקודשים הללו אסורים
בכניסה לטמאי מתים)
רחבת הר הבית
(מותרות בכניסה לאחר טהרה)
'דרך המלך' של רוב הרבנים העולים להר
התחום המותר לפי הרב שילת